משה בן מרדכי מאַרקוזע

## ספֿר רפֿואות הנקרא עזר ישׂראל במדינת פולין (פּאָריצק, 1790)

ליבע ברידער אונד הארציקע פֿרײַנד. איך בעט אײַך זײער איר זאָלט
מוחל זײַן במעלות כּבֿודכם אונד זאָלט לײענען מײַן הקדמה, אונד זאָלט
גוט אכטונג געבן אויף איר אײ איר װערט װעלן פֿון מײַן ספֿר נוצן האָבן.
עס איז מיר באקאנט דער עולם הערט און דערצײלט ליבער חסרונות אלס
מעלות טובֿות אײנער אויף דעם אנדערן. װײַל מיר זײַנען גאנץ װײַט אַװעק-
געגאנגען פֿון דעם קשר (ואהבֿת לרעך כּמוך). איך מײן אײַך עולם אײן
טובֿה צו טאָן. װען איך װעל אײַך אײן גאנצע הקדמה פֿול מיט חסרונות
שרײַבן. אײנער װעט לײענען אונד װעט דערצײלן פֿאר צען. די צען װאָס
געהערט האָבן װעלן װידער דערצײלן פֿאר הונדערט. די הונדערט פֿאר
טויזנט אנדערע. דענק איך די לײדיקגײער אײן פּרנסה צו געבן. איבערן
קאָפּ זײ װעלן האָבן װאָס צו רעדן אונד צו דערצײלן. איך מײן עס װעט
מיט מיר אויך אזוי גײן. אײנער װעט זאָגן:

--אײן ספֿר רפֿואות האָט דער דאָקטער געמאכט. װי װײס ער װאָס
אינעװײניק אין מענטשן פֿעלט? קען ער ארײַנזען אינעװײניק װאָס בײַ
מענטשן זיך טוט?

צען װעלן דאָס הערן, נײַן װעלן באלד זאָגן „פּשיטא” איז דער
קצין, דער למדן, דער-און-דער חכם (װײַל איך װײס ניט װי זײער נאָמען
װעט זײַן), די-אונד-חכמה, די-און-די נגידה:

--הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן. פּשיטא זענט איר גערעכט! איך
זאָג אויך אזוי װי איר. װי קען דאָס אײן דאָקטער װיסן װאָס אינעװײניק
דעם מענטשן װײ טוט?

אײנער פֿילײַכט פֿון די נײַן צוהערער װעט זיך פֿינדן אונד װערט
זיך פֿאר מיר װעלן אָננעמען אונד װעט זאָגן:

--װי איך האָב געהאנדלט נאָך קיניגסבערג, קײן בערלין, קײן
פּאדוע, האָב איך געהערט דאָס זײ די טויטע מענטשן שנײַדן אויף, זעען
די דאָקטערשע זאכן.

װעט זיך װידער אײנער אָנרופֿן:

--כ'לעבן, איר רעדט נארישקײטן! װאָס העלפֿט דאָס ער זעט דעם
מענטשן נאָך זײַן טויט? די דאָקטערס װעלן קײן לעבעדיקע מענטשן אויך
שנײַדן!

אלע װעלן דעם חכם רעכט געבן.

--ער רעדט װי אײן חכם.

האָט איר שוין ליבער עולם חבֿרותה װאָס חכמת הניתוח װאָס אײן חכמה
עד-אין-סוף װאָס אונדזערע חכמי הרופֿאים די גרעסטע אונד די שװערסטע
חכמה, איך מײן חכמת הניתוח אָפּפּסקענען. אײן אנדערע חבֿרותה װעט אויך
האלטן פֿון ואהבֿת וכו' װעלן זאָגן:

--װי װײס דער דאָקטער דאָרטן װו ער האָט געשריבן װי מײַן נאטור
דאָ איז? אט, אײן חלום! דער ספֿרל איז ניט אײן גראָשן װערט.

די אנדערע נײַן װעלן אויך אָמן זאָגן דערויף.

אײנער פֿון די נײַן, אָדער ער װײסט אלײן א ביסעלע, אָדער ער װעט
מיך קענען אונד װעט זיך װעלן פֿאר מײַן ספֿר אָננעמען אונד װעט זאָגן:

--דער דאָקטער איז קײן נאַר ניט. ער װײס געװיס װאָס ער שרײַבט.

װעלן װידער די אנדערע ענטפֿערן:

--אט רעדט איר! דער נגיד, די נגידה זאָלן הונדערט יאָר לעבן
איז גערעכט. װאָס העלפֿט דאָס װאָס ער דאָרטן װײס? ער איז דאָרטן און
זײַן ספֿרל איז דאָ. כ'לעבן, האָט מיר ניט פֿאראיבל, איר רעדט אויך
נארישקײטן װי דער דאָקטער.

האָט איר שוין די אנדערע חבֿרותה װאָס פּסקענען אָפּ די גאנצע
חכמת הטבֿע אנושיה. די דריטע חבֿרותה װעט אײנער זאָגן:

--איך האָב געלײענט אין זײַן ספֿרל, ער שרײַבט עפּעס פֿון גערשטן,
פֿון קאלט װאסער, פֿון שליאז. עפּעס ער הײסט נעמען פֿון די דינעס,
פֿון קערביטן, פֿון אוגערקעס די קערלעך אונד נאָך מער זאכן װי ער אלץ

הייסט דאַרטן. אונד הייסט האַניק מיט וואַסער קאַלטערהייט טרינקען. פּאַזאַסלע באַזשע, וואַס איך האַב אויסגעגעבן פיר-פינף גילדן פאַר דעם ספר! איך האַב געמיינט עס שטייט עפּעס רעכטעס אין ספר. אַט איך וועל אייך פאַרקויפן פאַר די העלפט וואַס ער מיך קאַסט ווען איר זיך דאַ פאַר אים אַננעמט.

האַט איר שוין די דריטע חבֿרותה מענטשן וואַס פּסקענען אַפּ חכמה עשׂבים.

— „נאָך מעהר וועלין זיך פינדן אונד וועלין זאגן: אדר זייא וועלן פראגין: [„] ווארום ווען ער איין גוטר דאקטיר איז: וויא פיל לייט זאגין: ווארום האט ער גישריבן אוף טייטש: אונד ניט אוף לשון קודש זיין ספר [ז"]י): דיא לייט מוז איך אליין ענטפערן: אונד פרעג זייא ווידר פאר קערט פאר וואס ריידן מיר אלי אידעשי): דאס הייסט שלעכט טייטש: מיר האנדלין: מיר לערנן: דרייען ליגן זאגן: חנופה טראבן: קורץ גירעט: קאכן: בראטין: ברענן: מאסערן: הוספות געבען: עין הרע אפּ שפרעכן: אלס אלס: אוף טייטש: ווארום אבר ווען מיר איינר צום אנדרן שרייבין: שרייבין מיר גראד אוף לשון קודש: ווארום פראג איך אייך: שרייבט איהר ניט טייטש וויא מירריידין: שרייבין מיר לשון קודש לאמיר ריידן אוך לשון קודשי): שטיינס גיקלאגט ניט פאר לומדים גי-קלאגט: וויא פיל טאווינט שרייבין לשון קודש עס איז אבר קיין טייטש: קיין לשון קודש: קיין ריישעס לשון ניט". —

אין דער שטעלע איז, אייגענטליך, שוין געגעבן די תשובה, נאָר צום שלוס פון דער ערשטער הקדמה קערט דער מחבר ווידער אום צו דער פראַגע:

... „וויא בלייבט אבר מי: זייער פראג וואס גאַנצע חברותותי) וועלין פראגין: פאר וואס האָב איך מיין ספר גישריבין אוף פולש טייטש אונד ניט אוף לשון קודש: איך ווייס עס וועלין זיך זייער ווייניג גפינדין: וואס מיך [ענטפערן] וועלין קענן:י) בין איך גינייט אליין מיך צו פאר ענטפרין: איך זאג איך האב גימוזט שרייבין אוף טייטש: ווארים איך וויל מיט מיין ספר מציל זיין כמה אלפים מענשין: אלי יאהר פון זעלכע בעלי חסרונות: למשל פון אלטע ווייבר: פון שלעכטע באָבּיס: פון עין הרע אפּ שפרעכערס: פון בייזה איבר גאנג: פאר גוטע לופט פאר שלעכטע איין גיטרטענע זאַ-כין: פון בעלי שמות עמי הארצים: אונד פאר גראסי רשעים: פון וואַקס גיסערס: פון טרעפערס וואס טרעפין אלי קראנקהייטן: פון שלעכטי בעלי דרשנים וואס פירן סגולות צו פאר קופין. פא[ר] איין גוטע וויעצירע: פאר איין קליינה נדבה וועגן: אונד פאר דיא דאק-טערלאך: וואס זיך אליין: אדר אלטי נארשע ווייבר האבן זייא גי-מאַכט פאר דאקטערס: זאגט מיר ליבר עולם דיא אלי קענין זייא לשון קודש: גיוויס ניט: אפילו פולש טייטש קענין זייא אויך ניט: לאז זיך אייענר וועלין איין זעהין אין איין שפּיגיל: וועט ער דען דעם שפּיגיל איבר דעקין י): וויא וועט איר זיך קע-גין שפּיגלין: ער וועט זיך גיוויס ניט קענין זעהן: אונד מיין כוונה איז: דיא אלי נארין זאלין זיך אין מיין ספר אריין זעהן: אונד זאלין זעהן וואס פאר איין פנים זייא האבין: וויא קען איך שרייבין אוף לשון קודש: זייא העטין דאך זיך ניט גיקענט אריין זעהן: אונד פאר אונזרע לומדים באדארף איך קיין תירוץ ניט י): מי לנו גדול ממשה בר מיימון ז"ל רוב ספריו בחכמת הפולסופיא ובחכמת הטבע כולם בלשון ערבי נכתבים כדי שיבינו ויכירו וידעו כל-בני דורו: גם הגאון רבינו בחיי' ז"ל שהיבר ספר חובות הלבבות ושאר ספריו גם כן בלשון ערב כתבם: גם אני הקטן דרכתי בעקבותם: מרקוזי אסיי' החונה פה טוריסק" י), — „משה ת'ק'ן לפק" ג). —

„ליבה ברידער: איך לייג אייך איין ספר אין אייערע הענט: ווא איך זא פיל מיינה יונגה אונד בעסטע יאהרן האב פאר בראַכט: אונד איך גיב אייך עס הייטט אומזונסט¹): איך מיין אייך עולם אין פולין: איינה גראַסע מצוה צו טאָן: ווען איך אייך לערנן וויל: דאס שענסט אונד דאס בעסט: אונד דאס טאַייערסטע: וואס אין דר וועלט איז: איך מיין אונזר גיזונדהייט: ענטוועדר ניט צו פערלירן: אדער ווען מיר שאון זיא פערלארין האבן: ווידר צו בעקומען: (—) דאס אין פולין: פילע טאוזנט מענשין שטארבן: אלי יאר פאר דר צייט: אונד דאס נאך מער מענשין: ווערן קאַליקעס קריינקליך: דאס וועט מיר קיינר ניט לייקענן קענן: איך וויל מיך פאר איין גראסין בר מזל האלטן: ווען איך וועל קענין: אייך ליבר עולם מזכה זיין: אונד וויא מיגליך אייך זיין וועט. דאס איהר פער הינדרן זאלט: וואס איך אייך בווייזן וועל: (—) אין די פאריגע צייטן: איך מיין פאר עטליכי הונדרט יאהרן: אונד נאך פריהר: פלעגט מען קענן ציילין: עטליכי צוואנציג מענשן: אין איין משפחה: דאס הייסט: פון איין פאטער אונד איין מוטר: קינדר: איינקליך: אור איינקליך: אתר אין אונזרי דורות קען מען שון ניט ציילין אפילו מיט שוועסטרס קינדר: עטלכי אונד צוואנציג מענשין: וואס ווייטר: דאס הייסט שפעטיר: האב איך מורא וועט מען גאר קיינע ברידער: אדר ברידר: ווערן קיינע שוועסטרס מעהר זעהן קענין: אהובי רבותי פון וואנן קומט דאס"... ¹'

... „איך וועל אייך מוזן זאגין, וויא אהער עש קומט. בייא אונד אין פולין, צום ערשטן, גלאבט קיינר ניט, דאס מיט גאטס הילף קענן פאָקן אונד מאָזלין איין דאקטר העלפין. אמת איז עס, דאס עש איז שווער אוך דעם גילערנטן דאקטער צו העלפין, ווען די פאקן זייער שלעכט זיינן. אבר גייט דען דאס נור בייא פאָקן אָן, דאס מען ניט העלפן קאן? בייא אלי קראנקהייטן קען אוך דר בעסטר דאקטר ניט העלפן, ווען עס איז ניט צו העלפן. דר דאקטער איז איין קנעכט אונד איין דינער בייא דר טבע, מאל תמים רעים. ווען דיא טבע איז צו שוואך, אונד דיא קראנקהייט איז גובר דיא טבע, מוז דער מענש שטארבן, אפילו ווען דר דאקטער העלפט דיא טבע, ווייל דער דאק-טער איז קיין אלוה. וויא פיל אלפים, אבר, איז מען מציל קינדר במדינות אחרים פון פאקין אונד מאזלין, דיא אוך גאנץ שלעכט, אבר (בעזר האל) מיט תחבולות אונד רפואות העלפט מען, וואס צו העלפן איז. בלא עת וזמן, דאס הייסט פאר דער צייט, שטארבט, אבר קיינר ניט. אין פולין, אבר, זאגט מען: „צו פאקן קען קיין דאקטער גאר ניט העלפן"—בדרך כלל, אונד דורך דעם שטערבין פילע טאזנט אלי יאהר פאר דער צייט. צום אנדרן, וויא פיל קינדר פאר מאטערן ניט אונדזערע ניט גילערנסי באביס,—ענטוודער דיא מוטער מיט דיא קינדר, אדר איינס פוןביידן,—דאס האב איך אויך פיל מאהל גיזעהן. וויא פיל טאוזנט מענשין ווערן קראנק, אונד עס איז פארהנדין איין גילע[ר]נטר דאקטער, נור דיא אלטי ווייבר לאזן ניט צו, דאס מען זאל זייא היילין לאזן. זייא ריידן אפ. איין מאהל זאגן זייא, עס איז איין עין הרע, מען בדארף קיין דאקטער. וואס קאן איין דאקטר צו עין הרע העלפן? פילע ווערן קראנק אוף היציגע קראנקהייט, זאגן זייא. דר צו דארף מען אוך קיין דאקטר ניט: זייא זיינון קראנק אוף איין אונטר גאנג. אוף אנדרע קראנקע זאגין דיא אלטי ווייבר: זייא זיינן קראנק אוף איין איבר גאנג,—דר צו בעדארף מען אוך קיין דאקטער ניט. פילע ווער הסר דעה, דאס הייסט משוגע,—דיא גיהערן צו איין טאָטיר ווידר. אונד ווידר אוף אנדרע גיהער צו איין בעל שם, להבדיל. דאס איז איין גוטה לופט, אונד דאס איז איין גוטה אוג. דאס איז, ווידר, איין גיטרעטנע זאך.—זעהט איר, אהובי רבותי, וויא פיל ערלייא קראנקן הארגנין פילע אלפים מענשין נור דיא אלטי ווייבר אלי יאהר. אפילו ווען מען שון נאך איין גילערנטין דאקטר

שיקט , אונד ער קומט שון צו שפעט , קען ער אוך שון ניט העל-
פין . מען קען ראטווין איין שריפה , ווען עס אן פאנגט צו ברענן ,
אבר ניט ווען שון דאס גאנצי הוז אין פייאר איז . אדר ווען איינר
אן וואסיר פאלט , מוז מען איהם נאך שווימהן , איי ער איז שון
דרייא הלקים דער טרונקן גיווארן . הערציגע ברידער , פון דיא אלי ,
דיא איך אייך דער ציילט האב , דיא זענין נאך ממית אלפים בכל
שנה ושנה , ווייל זיא האבן רחמנות איבר דיא קראנקי , ווייל זייא
ווייסין ניט , וואס זייא פלאודערן , אונד מיינן דיא קראנקי איין טובה
צו טוהן . אונד מען גלאובט זייא , וואס זייא זאגין , ווייל זייא נעמן
קיין געלט דער פיר . אונד זייא זיינן עובר אוף רציחות נור אוס
רחמנות . דאס זיינן דיא ערשטי כת המזיקים בעו״ה . וואס זאגט
איהר , אבר , דער צו , מיינה ליבה ברידער , צו דער אנדרער כת
שדים ומזיקים : וויא פיל טאוזנט רמאים ופושעים , ימח שמם וזכרם ,
וואס בייא אונז אין פולן ארום פארן , אונד דיא זיך אויס געבן פאר
דאקטערליך אנדרע פאר בעלי שמות , וואס , במחילת כבודכם , אונזרע
נשים בעזען דיא בריסט , אוב זייא שווארצע אודר ווייסע ווארצילס
אוף דיא בריסט האבין . זייא וואשן אונזרע נשים מיט זייערי שמית
אליין אפ . אזוא האב איך פיל מאהל פן נשים גיהערט , וואס זייא מיר
אליין דער ציילט האבן , — אונד עש איז גקומן דאריבער , ווייל זייא
האבן מיך איין מאהל גיפרעגט : „וועט דער רבי ניט מוזן זעהן מיר
מיין לייב ?״ — איך האב זייא גיפרעגט : „וויא פאלט איהר , נארן ,
אויס , דאס איך זאל זעהן אייער לייב ? קען איך דען אייך ניט געבן
רפואות , ווען אוך מיט אייך רייד און דעם דפק אין דיא צונג האב
גיזעהן ? אונד איהר קאנט דאך ריידן . איהר האט מיר דער ציילט ,
וואס אייך וויא טוהט . בייא איין קראנקן , וואס ניט ריידן קען , אדר
ער איז שון זייער שוואך , מוז איך אפט , אונד בייא גוויסע קראנק-
הייטן , ענטוועדר הייסין , אנדרי זאלן זעהן דעם לייב , אדר וויא איך
מסופק בין אונד קען מיך ניט אוף אנדרי פערלאזין , מוז איך אליין
זעהן״ . — דיא ווייבר האבין מיך , אבר , גיפרעגט : „פאר וואס איז בייא
אונז איין בעל שם גיוועזן און האט אונז , אלי דיא ווייבר , דיא בייא
אים זענין גיקומן אונד האבן גיוואלט גיהאלפן ווערן , האט ער ,
במחילת כבודכם , גהייסין נאקוט אויס טוהן ?״ — איך האב מיך גיוואנ-
דרט איבר דיא ימח שמם נקעס . וויא פיל וואקס גיסערס גיבט זיך
דען ניט אין פולין , דיא גונבי לבבות מאנשים ונשים פתאים נארן .
זייא נעמן וואלוויל , צוו צווייא גילדן פון אטליכן נאר בעזונדר , און
וואקס איין צו גאב , וואס איך ווערט איז צוויי גילדן . בערעכנט איין
מאהל : פופציג נארן בריינגן דעם גנב אין איין שטאט צווייא הונדרט
גילדן איין . דער בעל הבית , וויא דער גנב , דער וואקס גיסער , אדר
ווי דר בעל שמאיין שטייט , גייט מבית לבית , אדר אוף דען מארק
אין איז מודיע דעם עולם , דאס בייא איהם איין גוטר טרעפער , וואס
טרעפט אלי קראנקהייטן , אדר איין גוטר בעל שם בייא איהם איין
שטייט . והם לרמים יארבו , דיאביידע , דער בעל הבית און דער
בעל שם טיילין זיך מיט דעם געלט . רבותי , בעקומט דען אזוא פיל
איין ערליכר ארמיר רב ולמדן אדר דרשן הגדול , אזוא פיל אין איין
שטאט , וויא דיא שפיץ באבין נעמין אויס איין שטאט ארויס ? וואס
מיינט איהר , ליבה לייט , דיא אלי , זאג איך נאך אמהל , דיא דאק-
טרס , דיא טרעפרס , דיא וואקס גיסערס , דיא ע[...] הארצים בעלי
השמות זיינן נאך מעהר ממית מיט זייערע סגולות ורפואות , אונד נאך
מעהר מאכין זייא קאליקעס . איך מוז שרייבן אונד מוז מפרסם זיין ,
פיר וואס גאר אן אונזר מדינה איז נתרבה גיווארן זא פילע הולטייעס .
איך האלט מיר דאס פאר איין גראסי מצוה לנער ולבער הקוצים מן
הכרם ברם בית ישראל , אונד דעריבר האב איך מיין ספר איין נאמן
גיגעבן ע ז ר י ש ר א ל , ווייל מיט דעם בורא עולם־זיין הילף לערן איך
אייך , ווא איהר זאלט אייך העלפן קענן , ווייא קיין גילערנטע דאק-
[ט]ערס זענן פאר האנדן , אדר וויט צו בעקומן , כדי איהר זאלט
[...]יך אליין העלפן , אונד מיט ווינק הוצאות , און באלד פרישער הייט .

איהר קענט מאכן, ווען איהר יועט מיך פאלגן, אונד ווערט מיין ספר בייא דער האנט האבן, בעזר האל וועט איהר גאר ניט קראנק ווערן פאר דער צייט (רק במקץ השנים). ליבה פריינט, מיר האבן פון רמב״ם ז״ל איין ספר, דער הייסט „מילת ההגיון להרמב״ם". דער גאַנ-צר ספר לערנט אונז מבחין צו זיין בין טוב לרע ובין אמת והשקר. איך מוז אייך איך דער ציילן פון דיא טרעפרס, וואס זיך אין פולין ארום שלעפן, כדי איהר זאלט פערשטיין בין אמת ושקר. איינה מעשה שהי' האב איך גילייענט בימי בחרותי, וויא איך נאך אין קינגסבערג גישטודירט האב, וואס בערלין האט מפרסם גיוועזן פון איין טרעפער, דער פילע מענשן האט מרמה גיוועזן. איינר איז גיקומן לק״ק בערלין מערלים. ער האט גיזאגט, מען זאל איהם ברייגגין דיא השתנה פון דיא קראנקי. ווען ער האט אין שתן גיזעהן, האט ער גיטראפין דעם חולי, ניט אליין זיין קראנקהייט, אויף וואס ער זיך גיקלאגט, — ער האט אפילו גיזאגט, וויא לאנג דער חולה איז שון קראנק. ער האט אוך גיזאגט, אוב עס איין זכר אדר איין נקבה איז. ער האט אוך גיזאגט, וויא אלט דער חולה איז. נאך מעהר: האט גיווסט, וויא דער חולה הייסט. אונד אלס פון דער השתנה. ער האט גיזאגט צו דעם, וואס האט צו איהם גיבראכט דעם שתן פון דען חולה (איהר דארפט מיר ניט דער ציילן) איך וועל אייך אלס אליין זאגן פון שתן). י) איין מאהל האט זיך גיטראפין, איין ערלות עטליכי מייל פון בערלין האט גיבראכט דיא השתנה פון איר מאן. זיא איז גיקומן צי דעם נביא השקר. ער האט גיטראפין, דאס איהר מאן איז אראפ גיפאלן פון איין לייטר. דיא ארמי ערלית האט זיך שטארק גיוונדרט, דאש דער טרעפיר אלס האט גיוויסט. זיא האט גיזאגט צו דעם נביא: „נביא לעבן, איך וועל אייך נאך צווייא גילדן געבן, טרעפט מיר דאך, ווייא פיל שטאפלען איז מיין מאן אראפ גיפאלן, ווען איהר אזוא איין גרושיר נביא זייט". דא האט איהם דיא ערלית באלד גיפאנגן. עס האט זיין חכמה אויף גי-הערט, אונד האט ניט גיווסט, וואס ער איהר ענטפרן זאל. ער האט, אבר, דאך גימוזט זאגן: „אייער מאן איז פופצעהן שטאפלן אראפ גי-פאלן, אונד הייסט מיט דען נאָמען פראַנציסקאָ". דיא ערלית האט איהם, אבר, גיזאגט: „יוא, נביא לעב, מיין מאן הייסט פראנ-ציסקא, אבר איהר האט ניט גיטראפן דיא שטאפלן: מיין מאן איז, אבר, מער וויא פיר אונד צוואנציג שטאפלן אראפ גיפאלין". דער רמאי האט זיך אין דער גישווינד מישב גיוועזן אין פראגט דיא ערלית: „האט איהר, אבר, גאר דיא השתנה גיבראכט פון אייער מאן?" זיא זאגט: „ניין, נביא לעבן, איך האב איברן וועג אביסל פאר גאסן".— „זעט איהר—זאגט דער נביא השקר— איך האב קיין שולד ניט דעראן: דאס ביסל, וואס איהר האט פאר גאסן השתנה, דארטן זיינן דיא איברגה שטאפלן. ווואלט איר מיר, אבר, גאר דיא השתנה גיבראכט, זא וואלטן גאר דיא פיר אונד צוואנציג שטאפלן גיוועזן". — אהובי רבותי, איך וייס, איהר ווייסט קיינר ניט, וויא אזוא דער רמאי האט אלס גיוויסט. איך וועל אייך, אבר, זאגן, וועט איהר אוך וויסן. דער טרעפיר, דער רמאי, האט זיך גידונגגן איין שטוב אויף איין טרעפ ארוף, אוף איין גארן ארוף. אין פיר הוז איז גישטאנדן איין שפאני-שע וואנט. אין טייטש לאנד זיינן דיא פיר הייזר פערמכט דיא טירן: ווער עש וויל אריין גיין, מיז אן קלאפן. דער וויל, ווען איינר אן קלאפט, קומט איין משרת, מאכט דיא טיהר אויף, פראגט דעם מענ-שן, וואס דיא השתנה ברייגגט צו טראגן: פון וועמן איז דאס? וויא הייסט ער? וויא אלט איז ער? וויא לאנג ער איז קראנק גיווארן? דער מענש, וואס ברייגגט, דער ציילט אלס דעם בעדינר, וואס האט דיא טיהר אוף גימאכט. דער אנדרער בדינער שטייט אונטר דער שפאניעשע וואנט און הערט אלס אויס. דר, וואס האט דאס גיהערט, לופט הינטן ארום ארוף אוף דען גארין אונד דר ציילט דען רמאי. דער וייל זאגט דר ערשטר בדינער צו דעם מענשין, וואש ברייגגט דיא השתגה: „גייט ארוף אוף דעם גארין צו מיין דאקטער אובן. דארט אונד דארט אין דער און אין דער שטוב שטייט ער איין". און אליין בלייבט דער בעדינער אונטן. דער וייל נעמט ער וואלוויל אפאר

6/

מאַיקוזע

גילדן פאר דעם טרעפן. וועלכיר [redacted]מענש וועט בייא אזוא איין דאקטר ניט נעמן קיין רפואות? ער העלפט דאך גיוויס! דורך זעלכי רמאות האט ער פון פילע טאוזינט נארן פיל געלט מאַסֵף גיוועזן. וויא מען איז, אבר, גיקומן אוף זיינה רמאות, האט מען אוועק גינומן כל אשר לו, מיט גראַזי חרפות ובושות, ובמכות מרדות האט מן איהם ארוס גיטריבן פון דער שטאט. וכן יאבדו כל הרמאים והרשעים. און מען האט דיא זאך מפרסם גיוועזן. איך בין אייך נור ווייניג מפרסם, חייל איך האב קיין צייט ניט, אונד עש איז אוך ניט מיין כבוד פון הול-טייעס פיל צו ריידן. אבר וויל איך האב אוף מיר מקבל גיוועזן לפרסם קלונום ברבים צו זיין, מוז איך האלטן מיין קבלה, אונד בעט בבקשה גדולה מאחינו ב"י, איהר זאלט זיך גוט אום זעהן אין גוטס זייא צו שטראפין. איך האב פיל מאהל גיזעהן מיט דעם גרעסטן שמארץ, וויא מען אום גייט מיט אונזר קראנקע, וויא מען זייא פי-לע ממית גיוועזן מיט הנהגות אכילה ושתיה. מען האט זייא גינייט צו עסין פליישגע יאוחן, קאלטעס וואסר, אבר, האט מען זייא ניט דער לובט צו טרינקן, און זייא האבן גימוסט פאַר[שמ]אכן פאר היץ אונד פון דער וועלט זיך שיידן מיטן בראנד, — וויא מען האט זייא גיקענט זייער גרינג ראטעוון, ווען מען נור זייא גיגעבן וואלט, וואס זייא אליין פערלאנגט האבן. איך מוז אייך נאך איין קליינה מעשה שהי' דער ציילין פון פולן, וואס איך גיהערט האב, פון איין גיווסן בן הזונה. איין מאהל איז פאר פארן אוף דער נאכט צו איין ארענ-דאר איין אורח רע. דער בן הזונה זעלביר האט אבטינג גיגעבן, דאס קיינר אין דיא שטוב איז גיוועזן. דער וויל איז איין קליינ[redacted]מיידלה אין וויג גילעגן, האט דער פושעי ישראל גישווינד זאלץ אריין גי-שיט אין אותה מקום. דאס קינד פאנגט אן צו וויינן און צו שרייאין די־א מוטר וויל דאס קינד שטילן מיט איהר ברוסט, -- זיא וויל ניט, זיא רייסט זיך נאך אלי מאהל מער. די מוטר, דר פאטיר, קארץ — אלי שראיין: „איין חורבן! איין צרה! דאס קינד איז עפיס צו גיקומן!" — מען זעהט אוף דעם לייב — מען פונט גאר נישט. דיא מוטר שרייט: „דאס קינד האט זיך ערשט גישפילט! וואס פאר איין צרה איז צו גיקומן!" — דר ימח שמוניק זאגט: „שטיל, שטיל: דאס קינד איז ניזק גיווארן!" אונד דר רשע האט אמת גיזאגט, וואָ-רים ער איז אליין דר מזיק. ער הייסט אלי ארויס גיין אוס דר שטוב, ער וואשט דאס קינד אויס מיט קאלט וואסר. דאס קינד ווערט ווידר שטיל. נוא, ווערט ערשט גיוואר דר ראנדאר מיט דיא ראנדארקע, דאס צו זייער מזל איין בעל שם בייא זייא אריין גיפארן איז. אונד, צום בעל שם זיין מזל, האט דר ארנאנדאר אוף מארגן יאָהר צייט; ער מוז נאך זייז נארשין פאטיר יאהר צייט האבן; ער מוז נאך איהם קדיש זאגין. ער איז מפרסם דעם גראסין בעל שם, וואס זיין זכות אבות איז בייא גישנאטדן זיין קינד, דאז אזו איין גראסור בעל שם האט ביי איהם איבר נעכטיגט. דיא גאנצי שטאט פרייאין זיך שון, דאז אזו איין גוטר בעל שם צו זייא פאָרט. איי דר רשע קומט אין דר שטאט אריין, הערט שון איין אנדר שטעטל פון פיר פונעף מייל ווייטר. דר בן הזונה קומט אלי וועגן צום גרייטן. מען ווייס אליר וועגן פריהר, דר מפורסם קומט אָן. — זעהט איהר, אהובי רבותי, דאז דיא איינה נארשע אורנדארקע האט איהם צו איין בעל שם אונד צו איין גארסין מפורסם גימאכט. פאר שטייט איהר שון דען שפראך וואָרט, דאס איין נאר—צעהן, און צעהן — הונדרט, אונד הונדרט — טאוזינט נארין מאכין. אהובי רבותי, איך שרייב מיין ספר ניט פאר גילערנטי דאקטערס. זאל, אבר, איינר מיין גלייכן צו לייאנן בעקומן מיין ספר, בעט איך אויס פון זייע, זייע זאלן דענקין, וויא איך. איך שרייב פון (ואהבת לרעיך וכו׳) ¹) וועגן, אונד זייא זאלן מיך ניט שענדן. זאלין זייא, אבר, מיין ספר לייענן, כדי זייע זאלין מיך שענדן, — בעט איך פון זייא, זייא זאלין ליבר מיין ספר גאר ניט לייענן, וויל איך האב פון זייערנט וועגין ניט גשריבן. איך האב גי-לייענט בעלי מחברים פון די חכמי הרופאים, וואס האבן גישריבן אוך פון עולמס וועגן, אונד זעלכי פינדן מיר בכל אומה ולשון, גראסע בעלי מחברים מחכמי הרפואות, — און בין זעלבר, ברוך השם, שון זעכצעהין

יאהר אין פולין דאקטער,—גוויס האב איך כמה אלפים קראנקע גיזעהן,— אלזוא בין איך דען עולם מיט מיין הלכה מעשיות מיט מיינה אונד מיט אנדרי הלכה מעשיות מזכה, און פראג ניט נאך די דאקטערס, וואס וועלין מיך דן זיין,—ווייל איך קען זייע אוך דן זיין, דאס זייע מיינן, איך בין זייע מיט מיין אמת שרייבן מקפח פרנסה. אונד מיינע גידאנקין זענן גיוועזן, דעם עולם אין פולין, הן בעירות והן בכפרים, דיא נור פוליש טייטש קענן לייענן, אונד זייא וועלין זעהן זיך מרגיל צו זיין לא פחות בכל שבוע ושבוע אין מיין ספר צו לייאנן, האָף איך צו אונזר בורא עולם, דאס כמה אלפים נפשות וועלין אי"ה ניצל ווערן ממיתה בלא עתם ובלא זמנם. והשומע לעצתי יבוא עליהם ברכת טוב מהאל הטוב ומרן דבשמיא יהא בסעדיהון.—איך וויל דעם עולם ער ציילן איינה קליינה אדר קורצע מעשה שהי'. ערב בין איך אייך ניט, אוב אמת

איז. גינוג, איך וועל אייך ער ציילן פאר איין משל. איין מאל האט זיך גיטראפין, דאס איין גוטר בעל דרשן האט דעם עולם גישטראפט אין אלי שטעט, זייא זאלין קיינה רווחים ניט נעהמן: זייא פארלירעין עולם הבא, זייא ווערין קיין תחית המתים ניט אוף שטיין. בקיצר, דער דרשן הגדול האט אלס דעם אמת גיזאגט אונד האט זייא בעוויזן מיט ראיות אוס דער גמרא אונד אוס אלי ספרי יריאים, דאס ער איז גירעכט, אונד האט שטארק מזהיר זייא גיוועזן, זייא זאלין דאס ווייטר ניט טאן, וואס זייא ביז אהער ניט נזהר זיינן גיוועזן. אין איין שטאט, וויא דער דרשן האט גידארשעט אלס איין דרשה פון רווחים, וואס מען טאר ניט נעמן, איז איינר גיקומן צום בעל דרשן אונד שטעקט איהם אריין אפשר הונדערט רענדלאך. דער דרשן זאגט צו איהם: „וואס מיינט איהר מיט אזו פיל געלט געבין? פאר וואס גיבט איר מיר? אונד ווער זייט איהר?"—דער מענש האט איהם גיענטפערט: „איך בין איין עושר, אונד מיין עשירות איז גיקומן פון הלוואה: איך לייא לייטן; איך טוא זייא איין טובה, אבר איך פאר געס אן מיר אוך ניט. איך נעהם ווייניג, נור פונף אונד צוואנציק דיא מאה."— דער דרשין האט זיך דר שראקין אונד זאגט צו איהם: „איך פאר שטייא אייך ניט: איך שטראף דאך זעלכע לייט, וויא איהר זייט. אייער געלט איז בייא מיר איין איסור גמור. אונד, צום אנדרן, וואס מיינט איהר דער מיט, וואס איהר מיר זא פיל געלט גיבט?"—„איך וועל אייך, רבי, זאגין, פאר וואס איך אייך גיב: איהר שטראפט גוט דיא לייט—איבר דעם גיב איך אייך, איהר זאלט זייא נאך בעסיר שטראפין, וועל איך נור אליין בלייבן, קען איך נאך רייכער ווערין דורך מיין הלוואה: איך וועל קענן נאך אמאל אזו פיל נעהמן, ווען איך נאר אליין ווער זיין".—דער נמשול איז: איך האב גישטראפט, בעוויזן דעם עולם, זייא זאלין ניט אזו מאכין, וויא זייא האבין ביז אהער גימאכט; זייא זאלין ניט גלובין שלעכטע, ניט גילערנטע לייט,— בעט איך אייך, איהר זאלט אלי מיין ספר האבין, אונד ניט דיא אליין זאלין מיין ספר קופין, וואס וועלין האנדלין וועלין פון רווחים וועגין, אונד ווען זייא האבן ביז אהער צוועלף פראָצענט, דאס הייסט פון אייער גיזונט גינומן, וועלין זייא מיט מיין ספר פון אייך נעהמן וועלין גאר דרייסיג דיא מאה. זייא וועלין זאגין: זייא היילן אייך אזו, וויא איך האב גישריבן, אונד איהר וועט ניט וויסן, אוב עס אמת איז. אדר ניט איבר דעם ביט איך דעם עולם, זייא זאלין זיך אוס לייזן

מיט מיין ספר אליין, אונד זאלין ניט גלובין דיא דאקטערס, וואס וועלין מיט מיין ספר היילן פון געלטש וועגין: אונד וויא וועט איהר דאס וויסן, ווען איהר וועט מיין ספר ניט האבין? אדר ווען איינר אונד דער אנדערער וועט איהם האבין, אבר ער וועט איהם ניט לייענן, קען באך ח"ו פון מיין יגיעה נאך איין מכשול אנשטיין. אונד איך פאר לאנג דיא רווחים בעולם שכולו אמת".—